**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/10/2022 **גאווערנאר קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט 50 מיליאן דאלערדיגע פארברייטערונג פאר ׳באלדווין ריטשערדסאן פודס׳ אין וועין קאונטי**

***טעכנאלאגיש פארגעשריטענע ספעציעל-באשטעלטע עסן און געטראנקן פראדוצירער וועט אפגרעיד׳ען איר מאסעדאן און וויליאמסאן איינריכטונגען: וועט שאפן און אויסהאלטן איבער 420 דזשאבס***

***אינוועסטירונג דערגאנצעט ״פינגער לעיקס פאָרווערד״ — דער ראיאן׳ס אויספירליכע סטראטעגיע אויף ווידער-אויפלעבן קאמיוניטיס און וואקסן דער עקאנאמיע***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן אז דער פראדוצירער פון ספעציעל-באשטעלטע עסנווארג באשטאנדטיילן, ׳באלדווין ריטשערדסאן פודס׳, אינוועסטירט 50 מיליאן דאלער צו פארברייטערן איר טעכנאלאגיש פארגעשריטענע פראדוקציע איינריכטונגען אין וועין קאונטי. די קאמפאני פלאנירט צו מאכן נויטיגע אויסריכטונג, טעכנאלאגיע און קאנסטרוקציע אינוועסטירונגען ביי די איינריכטונגען וואס געפונען זיך אין די טאונס מאסעדאן און וויליאמסאן אין א פרואוו נאכצוקומען די ענדערנדע פאדערונגען פאר עסנווארג פראדוצירער און לעיבעלינג וועלכע קאנסומערס פארלאנגען. די קאמפאני וועט אינסטאלירן נייע מאשינען און געצייג, וועלכס וועט שטיצן דאס שאפן ביז 60 נייע דזשאבס און דאס אויסהאלטן פון 364 פאסטנס. אין צוגאב וועט דער צווייי-פאזעדיגער הויפט אינוועסטירונג ערמעגליכן פאר דער קאמפאני צו פארברייטערן פראדוקט ליניעס און פארשטערקערן שטאנדהאפטיגקייט פירונגען ביי יעדע איינריכטונג. דער פראיעקט וועט אויך אוועקשטעלן ׳באלדווין ריטשערדסאן פודס׳ צו דערגרייכן דעם סטאטוס פון וועלטס עקאנאמישע פארום ליכט-טורעם, אן איבערגעגעבנקייט פאר העכסטע עפעקטיווקייט און ענווייראנמענטאלע אפטרופוס׳שאפט. איצט אונטערוועגנס, ערווארט דער קאמפאני אז דער גרויסער פארברייטערונג וועט פארטיג ווערן ביים ענדע 2024.

״ניו יארק איז גאר שטאלץ ווייטער צו שטיצן ׳באלדווין ריטשערדסאן פודס׳ בשעת עס שאפט נייע, הויכע-קוואליטעט דזשאבס פאר די שווער-ארבעטנדע מענער און פרויען אין דעם פינגער לעיקס ראיאן, פארשטערקערנדיג דער ארטיגער עקאנאמיע,״ **האט גאווערנער האקול געזאגט.** ״די קאמפאני׳ס אנגעהאלטענע אינוועסטירונג אין וועין קאונטי טוט ווייטער איבערצייגן אז דער עסנווארג אינדוסטריע אין דעם ראיאן אין פעסט און לעבהאפט, און דער פראיעקט וועט ווייטער טרייבן די מאמענטום.״

׳באלדווין ריטשערדסאן פודס׳, וועלכס איז הויפטקווארטירט און געגרונדעט אין אילינאי איבער א יארהונדערט צוריק, אנטוויקלט און פראדוצירט ספעציעל-באשטעלטע עסנווארג באשטאנדטיילן, און מארקעטירט ברענד-געצייכנטע פראדוקטן ווי צ.ב.ש. מיסיס ריטשערדסאן׳ס טאפינגס און נענס׳ס מאסטערד און קאנדימענטן. עס אנטוויקלט אויך זאפטן, סיראפס, קאנדימענטן, פלעיווער׳ט געטראנקן סיראפס און פלעיווער באזעס און טוט אנבאטן א סטאנדארטיזירטע ליניע פון פראדוקטן פאר דיסטריביוטערס. די קאמפאני, א רעגיסטרירטע MBE מיט דעם נאציאנאלן סופלייער אנטוויקלונג קאונסיל,

איז אויך איינע פון די גרעסטע אפריקאנע-אמעריקאנע פאמיליע-באזיצטע און אפערירטע ביזנעסער און דעם עסנווארג אינדוסטריע.

**ערין טאלפרי, פרעזידענטקע פון ׳באלדווין ריטשערדסאן פודס׳, האט געזאגט,** ״׳באלדווין ריטשערדסאן פודס׳ שטעלט צוזאם א טראדיציע פון קאסטומער איבערגעגעבנקייט מיט פארגעשריטענע טעכנאלאגיע אויף זיך צו האלטן ביים פארנט פון אינאוואציע. די באדייטנדע אינוועסטירונג וועט אונז ערמעגליכן צו פארשטערקערן נישט נאר יענע פארשפרעכונג נאר אויך דער עקאנאמיע פון וועין קאונטי און דעם פינגער לעיקס ראיאן אזוי ווי מיר שטעלן צו נייע דזשאבס און דער ענווייראנמענטאלע אפטראפוס׳שאפט נויטיג פאר א שטאנדהאפטיגע צוקונפט. מיר קוקן ארויס אנצוהאלטן ווייטער דער צוזאמארבעט אויף אויפצולעבן די קאמיוניטיס אין דעם ראיאן.״

צו דערמוטיגן ׳באלדווין ריטשערדסאן פודס׳ אויף ווייטער צו גיין מיט איר פארברייטערונג אין ניו יארק סטעיט, האט ׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ אנגעבאטן ביז 2.5 מיליאן דאלער אין ׳עקסעלסיאר דזשאבס טעקס פראגראם׳ קרעדיטס אין אויסטויש פאר דזשאב שאפונג פארשפרעכונגען און א 2 מיליאן דאלערדיגע קאפיטאל גרענט. וועין קאונטי, RG&E און גרעיטער ראטשעסטער ענטערפרייז העלפן אויך ארויס מיט דער טראנספארמירנדע פראיעקט.

**׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ קאמיסיאנער, פרעזידענט און CEO האופ נייט, האט געזאגט,** ״אונזער אינוועסטירונג אין ׳באלדווין ריטשערדסאן פודס׳ שפיגלט אפ גאווערנער האקול׳ס פארשפרעכונג צו ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג סטראטעגיעס וועלכע העלפן וואקסן דער עקאנאמיע. ESD שטאלצירט זיך צו שטיצן דער קאמפאני׳ס פאראויס-קוקנדע פארברייטערונג, מיט אירע פלענער צו איינגלידערן אינאווירנדע טעק, הייבן שטאנדהאפטיגקייט, נאכקומען קאנסומער פארלאנג און שאפן קומענדע-דור דזשאבס פאר דעם פינגער לעיקס ראיאן.״

**סטעיט סענאטארקע פאמעלא העלמינג האט געזאגט,** ״׳באלדווין ריטשערדסאן פודס׳ איז א פירנדע אינאווירער אין די וואקסנדע עסנווארג און געטראנקן אינדוסטריע אין דעם פינגער לעיקס ראיאן און ניו יארק סטעיט. מיר שטאלצירן זיך צו האבן ׳באלדווין ריטשערדסאן פודס׳ אין וועין קאונטי אין דעם 54׳סטן דיסטריקט און איך דאנק פרעזידענטקע ערין טאלפרי און דער קאמפאני פאר איר באדייטנדע אינוועסטירונג אין אונזערע קאמיוניטיס.״

**אסעמבלי-מיטגליד ברייען מאנקטעלאוו האט געזאגט,** ״איך וויל גראטולירן ערין טאלפרי און ׳באלדווין ריטשערדסאן פודס׳ אויף דער געלעגנהייט צו פארברייטערן זייער טעכנאלאגיש פארגעשריטענע פראדוקציע איינריכטונגען. צו ערמעגליכן פאר א ביזנעס פון סיי וואספארא גרויסקייט דער געלעגנהייט צו וואקסן און מאכן די נויטיגע איינריכטונג אנטוויקלונגען זיך צו קענען אויסצייכענען, דאס דארף זיין דעם פאקוס פון אונזער סטעיט. די אינוועסטירונג דורך ׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ טוט גענוי דאס. איך קוק ארויס אויף צו זען ביידע ערטער אויפגעלעבט און אלצדינג וואס זיי וועלן טון צו העלפן עס זאל ווייטער שטייגן אונזער עקאנאמיע.״

**פינגער לעיקס ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג מיט-פארזיצער באב דאפי, פרעזידענט און CEO פון ׳גרעיטער ראטשעסטער טשעימבער אָוו קאָמערס׳, האט געזאגט,** ״גרעיטער ראטשעסטער טשעימבער אָוו קאָמערס׳ איז שטאלץ זיך צו פרייען מיט מיטגליד קאמפאני באלדווין ריטשערדסאן אויף זייער אנגייענדע סוקסעס און סטראטעגישע אינוועסטירונג אין אונזער ראיאן. דער דאזיגער לעבהאפטע, מינאריטעט / פרוי-געפירטע ביזנעס טוט אינאווירן אין דער פארמעסטערישע עסנווארג אינדוסטריע, און וועין קאונטי אין דעם גרעיטער ראטשעסטער ראיאן איז דעם פערפעקטן ארט פאר זיי צו שטייגן. מיר גראטולירן באלדווין ריטשערדסאן פרעזידענטקע ערין טאלפרי און קוקן ארויס צו אונזער אנגעהאלטענע צוזאמארבעט.״

**קארל עי. טעילאר, NYSEG און RG&E פרעזידענט און CEO האט געזאגט,** ״מיר שטאלצירן זיך צו שטיצן ׳באלדווין ריטשערדסאן פודס׳ אזוי ווי זיי העלפן וואקסן זייער גרויסקייט אין מאסעדאן און וויליאמסאן אויף א פאראנטווארטליכן און שטאנדהאפטיגן אופן. דער פאמיליע-באזיצטער ביזנעס איז א וויכטיגער טייל פון אונזערע קאמיוניטיס, און NYSEG און RG&E פרייען זיך צוצושטעלן הילף וואס וועט העלפן פארשטערקערן דער ארטיגער עקאנאמיע.״

**וועין קאונטי דירעקטאר פון עקאנאמישע אנטוויקלונג און פלאנירונג בריין פינצעלי האט געזאגט,** ״באלדווין ריטשערדסאן׳ס אינוועסטירונג אין מאדערניזאציע, פעסטקייט, עפעקטיווקייט און אינאוואציע וועט טרייבן דער וואוקס פון זייער ביזנעס און מיר זענען גאר שטאלץ זיי צו האבן אין וועין קאונטי. מיט צוויי איינריכטונגען אין וועין קאונטי טוען זיי פארטרעטן א וויכטיגע טייל פון, נישט נאר דער קאונטי׳ס עקאנאמיע, נאר אויך דער סטעיט און ראיאנישע עקאנאמיע צוגלייך.״

**מעט הורלבוט, פרעזידענט און CEO פון ׳גרעיטער ראטשעסטער ענטערפרייז׳ האט געזאגט,** ״׳באלדווין ריטשערדסאן פודס׳ היסטאריע פון אויסצייכענונג און דער שפע פון עסנווארג און געטראנקען פראדוקציע אייגנשאפטן אין דעם גרעיטער ראטשעסטער ניו יארק ראיאן, אריינגערעכנט טאלאנט, אינאווירנדע טעכנאלאגיעס, און באהאפטנקייט צו א פולקאם אינטעגרירטע סופליי-טשעין האבן דאס געמאכט דער בעסטער לאקאציע פאר דער פארברייטערונג. מיר קוקן ארויס צו שטיצן זייער וואוקס אזוי ווי זיי וועלן ווייטער דא אינוועסטירן.״

פאר נאך אינפארמאציע איבער ׳באלדווין ריטשערדסאן פודס׳, באזוכט: https://brfoods.com/

**פארשנעלערן ״פינגער לעיקס פאָרווערד״**

דער היינטיגער אנאנסמענט דערגאנצעט ׳פינגער לעיקס פאָרווערד׳, דער ראיאן׳ס אויספירליכע בלופרינט צו שאפן שטארקע עקאנאמיע וואוקס און קאמיוניטי דעוועלאפמענט. דער ראיאניש אויסגעלייגטער פלאן קאנצענטרירט זיך אויף אינוועסטירן אין הויפט אינדוסטריעס אריינגערעכנט פאטאניקס, אגריקולטור, און עסנווארג פראדוקציע, און פארגעשריטענע פאבריצירונג. איצט טוט דער ראיאן פארשנעלערן דער ׳פינגער לעיקס פאָרווערד׳ מיט א 500 מיליאן דאלערדיגע אינוועסטירונג דורך דעם אָפּסטעיט ווידער־אויפלעבונג אינציאטיוו. דער סטעיט׳ס 500 מיליאן דאלער אינוועסטירונג ווען באלוינען פריוואטע ביזנעסער אויף צו אינוועסטירן פיל מער ווי 2.5 ביליאן דאלער — און דער ראיאן׳ס פלאן, ווי איינגעגעבן, טוט פאראויסזען ביז 8,200 נייע צוגעקומענע דזשאבס. מער אינפארמאציע איז צו באקומען דא.

**איבער ׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳**

עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט (ESD) איז ניו יארק'ס הויפט עקאנאמישע אנטוויקלונג אגענטור (www.esd.ny.gov). דער מיסיע פון ESD איז צו שטיצן און אונטערהייבן אן אויפגעלעבטע און וואקסנדער עקאנאמיע, דערמוטיגן דאס שאפן פון נייע דזשאבס און עקאנאמישע געלעגנהייטן, העכערן איינקונפט פאר׳ן סטעיט און אירע מוניציפאליטעטן, און דערגרייכן סטאבילע און אויסגעברייטערטע ארטיגע עקאנאמיעס. דורך ניצן לאָונס, גרענטס, טעקס קרעדיטס און אנדערע סארטן פינאנציעלע הילף, שטרעבט ESD צו פארבעסערן פריוואטע ביזנעס אינוועסטירונג און וואוקס צו טרייבן דזשאב שאפן און שטיצן בליענדע קאמיוניטיס לענגאויס ניו יארק סטעיט. ESD איז אויך די הויפט אדמיניסטראטיווע אגענטור וואס טוט אויפזען אויף די ניו יארק סטעיט ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס און די מארקעטינג פון די ׳איי לאָוו ניו יארק׳, די סטעיט׳ס איקאנישע טוריזם ברענד. פאר מער אינפארמאציע אויף ראיאנישע קאונסילס און ״עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט״, באזוכט www.regionalcouncils.ny.gov און www.esd.ny.gov.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן